**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין גאלד אין אנערקענונג פון "גאלדענע שטערן מוטער'ס און פאמיליע'ס טאג"

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 13 צענטראלע סטרוקטורן אריבער ניו יארק וועלן באלאכטן ווערן מיט גאלדענע ליכט אום זונטאג, סעפטעמבער 24 לכבוד "גאלדענע שטערן מוטער'ס און פאמיליע'ס טאג".

"עס איז אונזער הייליגע פליכט צו געדענקן און פאראייביגן די לעבנס פון די וועלכע האבן געמאכט די גרעסטע מסירות נפש אין דינסט פאר אונזער סטעיט און לאנד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דעם זונטאג באעהרן מיר די שטארקייט פון די פאמיליעס וועלכע האבן פארלוירן באליבטע, און מיר באדאנקען זיי פארן אפהיטן די לעבן און שאפן פון ניו יארק'ס געפאלענע העלדן."

יעדעס יאר ווערט די לעצטע זונטאג פון סעפטעמבער געווידמעט צו באעהרן 'גאלדענע שטערן' מוטערס און פאמיליעס וועלכע האבן פארלוירן באליבטע אין צייטן פון קריג. די טראדיציע פון די "גאלדענע שטערן" גייט צוריק צו דעם ערשטן וועלט קריג, סימבאליזירנדיג דאס מקריב זיין די אייגענע לעבן אין דינסט פארן לאנד. אלס א הערצליכע סימן פון כבוד, באלייכטן הויפטשטעט פון סטעיטס ארום דאס לאנד זייערע געביידעס און סטרוקטורן אין גאלד אויף דעם טאג.

סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- קאַסיאָסקאָ בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייננגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייננגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

אנערקענענדיג די גרויסע באדערפענישן פון גאלדענע שטערן עלטערן, האט ניו יארק סטעיט אוועקגעשטעלט קריטישע פראגראמען צו פארזיכערן אנגייענדע שטיצע און קעיר. דער 'גאלדענע שטערן עלטערן יערליכע אויסצאלונג (Gold Star Parent Annuity) פראגראם און די MERIT סקאלערשיפ שטייען אלס זיילן פון הילף פאר די וועלכע האבן פארלוירן באליבטע אין דינסט. די סטעיט'ס צוזאמענארבעטנדע באמיאונגען מיט גאלדענע שטערן ארגאניזאציעס און לאקאלע קאונטי וועטעראן סערוויס ארגאניזאציעס מאכן זיכער אז מענטשן איבעראל ווייסן איבער די פראגראמען און קענען צוקומען צו זיי.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס קאמישאנער, וויוויאנא דעקאָוהען, האט געזאגט,** "גאלדענע שטערן מוטערס און פאמיליעס זענען מוסטערן פון די גייסט פון זעלבסטלאזע דינסט, אפהיטנדיג די לעבן און שאפן פון זייערע באליבטע וועלכע האבן זיך מקריב געווען פאר אונזער סטעיט און לאנד. עס איז אונזער פליכט און פריווילעגיע זיי צו געבן אונזער העכסטע שטאפל פון שטיצע, א פארפליכטונג וואס מיר זעצן פאר צו מקיים זיין מיט עהרע."

**שטיצע פאר גאלדענע שטערן עלטערן**

פאר די וועלכע זוכן שטיצע אדער אינפארמאציע איבער דעם גאלדענע שטערן עלטערן יערליכע אויסצאלונג און איבער די MERIT סקאלערשיפ, שטייען וועטעראן בענעפיטן אדווייזארס פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס גרייט צו ארויסהעלפן. אפוינטמענטס קענען געמאכט ווערן דורכן רופן 888-838-7697 אדער באזוכן זייער וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן